# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון מ"ד פרשת נשא - תש"פ •


## א ציל אנפילן די צייט

אין אונזער דאזיגע פרשה - פרשת נשא טרעפן מיר אסאך נושאים. צווישן זיי דער ענין פון חנוכת המשכן. חנוכת המשכן איז געווען א גרויסע שמחה פאר כלל ישראל. רש"י זאגט (רש"י שיר השירים ה, א ד"ה אריתי) "אכלתי יערי עם דבשי" - אז אזוי ווי 'יערי ודבשי' ס'דא צוקער פון קיינעס, עסט מען און מ'שמאטשקעט אויס די צוקער און מ'ווארפט אוועק די האלץ, די זעלבע זאך כביכול הקב"ה מרוב אהבה צו די אידן "אכלתי יערי ודבשי" ער האט אויפגעגעסן אויך די האלץ, ער האט מקבל געווען אויכעט קרבנות וואס געווענדליך נעמט ער נישט אן אזוי ווי חטאות נדבה א.א.וו..

די שמחה איז געווען זייער גרויס אין כלל ישראל, און ווי דער בני ישכר קאכט אין דעם פראוועט מען עד היום די ערשטע צוועלעף טעג פון חודש ניסן, י"ב נשיאים.

### ווען הייבט אן א מענטש צו שטארבן?

אבער באמת קען מען טראכטן א פארקערטע נקודה.

ווען הייבט אן א מענטש צו שטארבן? ביי א טאג וואס ער ווערט געבוירן. ער עסט אויף זיינע טעג. א מענטש ווי א בגד ווען מ'הייבט אים אן ניצן הייבט אן דער בגד שטארבן, אזוי גייט אויס. פרעגט זיך א קשיא. ווען מ'מאכט א חנוכת הבית, וואס איז די גרויסע שמחה? ס'ווערט דאך אויסגעניצט, יעצט הייבט אן די זאך שטארבן איז וואס איז די גרויסע שמחה פון א חנוכת הבית?

אבער דער אמת איז אז ס'פאראן א גרויסן חילוק צווישן גשמי מיט רוחני. אין גשמיות, טאקע שטארבטן די טעג ווי ס'שטייט (ברכות יח, ב) רשעים בחייהם קרויים מתים, זיי עסן אויף זייערע טעג און מ'שטארבט עס אפ. צדיקים הייסן חיים, צדיק הייסט חי ווייל ער לעבט. 'בא בימים' - ער לעבט מיט די טעג. ער לעבט אויס זיינע טעג. ממילא איז די שמחה אז מ'גייט יעצט אנפילן טעג. מ'מאכט א 'שהחיינו' אויף די טעג וואס זענען אריבער, ווייל דער טייטש איז נישט מ'האט דערלייגט די טעג, מ'האט אנגעפילט די טעג, נישט ס'געשטארבן די טעג.

דאס איז דער יסוד פון א איד, א איד דארף וויסן, אז ער האט א נקודה אלעמאל פון התחדשות, און אלעמאל דארף ער לעבן, אנפילן די טעג.

### די שמחה מיטן אנפילן די טעג

ממילא, ביי א 'חנוכת הבית' פריידט מען זיך, א אידישע שטוב, נישט אז ס'ווערט אויסגעניצט. ביי א קמצן, ווען ער האט א בגד אין שאפע, ער וויל עס נישט אנהויבן ניצן, ער ווערט עס אנהייבן ניצן איז שוין א גאנצע שאלה צו ער וועט קענען מאכן שהחיינו ווייל ער פריידט זיך בכלל נישט מיט דעם וואס ער האט עס אנגעהויבן ניצן, ווייל ער ניצט דאס אויס, און ער איז דאך א קמצן. לעומת דעם וואס אונז מאכן באמת א שהחיינו ווען מ'טוהט אן א נייער בגד, ווייל מ'גייט עס דערלעבן, נישט אז דער מושג אז ס'שטארבט עס, נישט מ'גייט עס אויסניצן. א ודאי, ס'דא א הלכה אין שו"ע (או"ח רכג, ו) אז מ'דארף ווינטשן ווער ס'טוט אן א נייע בגד: תבלה ותתחדש, אז א מענטש זאל עס אויסלעבן מער וויפל זיין בגד, ווייל א בגד ענדיגט זיך.

ווען מ'האט געבויעט דעם משכן האט מען אויכעט געוואוסט אז ס'וועט קומען א טאג וואס ס'וועט זיך ענדיגן, אזוי ווי יוסף מיט בנימין האבן געוויינט אויפן בית המקדש (ב"ר ויגש צג, יב; רש"י בראשית מה, יד), אז למעשה די בית המקדש וועט חרוב ווערן. אבער די טעג וואס ס'לעבט, וואס א איד דערלעבט א זאך, דאס איז דער זאך וואס איז פאר אונזערע אויגן.

### לחיותינו כהיום הזה

דאס לערנט מען ארויס פון דעם חנוכת הבית. פון דעם חנוכת המשכן. א איד דארף אלעמאל שטרעבן, אנפילן די זאך, דערלעבן די זאך, נישט חס ושלום א בחינה פון אפשטארבן די זאך.

# די עבודה ביי 'פירוק המשכן'

מיר טרעפן אין די פרשה - און אין ענדע פון די פריערדיגע פרשה - דער ענין פון פירוק המשכן. מ'איז מפרק דעם משכן, ס'ווערט אויס קרבנות, ס'איז נישטא קיין סדר דגלים, ס'איז נישטא די זעלבע השראת השכינה. ס'איז אן אנדער מצב. מחלוקת ווי אזוי זיי זענען געגאנגען (ירושלמי עירובין פ"ה ה"א, הובא ברש"י י, כה), אבער אפילו טאמער זיי זענען זיי געגאנגען כְּתֵיבָה - ווי א קאסטן, ס'איז געווען אבער א בחינה פון סילוק שכינה.

### *עבודה אויף יעדן מצב*

למעשה, ס'איז א נושא וואס איז אונז ממש נוגע זייער אסאך מאל אין לעבן בגשמיות און אין רוחניות.

ווען ס'גייט נישט פאר א מענטשן איז דא טאקע אזא זאך פון מקבל זיין די עבודה פון אנעמען א מצב ווען ס'גייט נישט, אבער ס'נאך דא אסאך א מערערערע זאך - וואס אויף דעם קען מען זיך לערנען וואס דאס וועט אונז העלפן טאקע אויף די נקודה ווען ס'גייט נישט פאר א מענטשן רוחניות אדער אין גשמיות - זאל ער קענען באמת מאכן פירוק המשכן. איז דאס זיין עבודה ביי פירוק המשכן.

### *רצוא ושוב - וואס איז גרעסער*

מיר טרעפן א יסוד, א יסוד פנימי אביסאלע, שפעטער וועט מען עס אראפברענגען למטה, מער חיצוני, מער אין אונזער לעבן.

ס'דא צוויי סארט עבודות אין עבודת ה'. והחיות רצוא ושוב (יחזקאל א, י). ס'דא עבודה וואס רופט זיך **'רצוא'**, ס'דא עבודה וואס רופט זיך **'שוב'**. 'רצוא' הייסט א מענטש האט א השתוקקות צום אויבערשטן, אה, ער חלש'ט, ער גייט ממש אויס פון אהבה צום באשעפער. צו פון הארץ, צו פון מח. ס'דא א נקודה וואס רופט זיך 'שוב', ס'רופט זיך אראפגיין טוהן די מעשים. ווען א מענטש טוהט חסד בפועל, ער געדענקט נישט די אהבה צום אויבערשטן, ער גייט טוהט כל מיני מצוות מעשיות, ס'איז א בחינת שוב.

אבער באמת איז מסביר דער בעל התניא א מורא'דיגער יסוד (ליקוטי אמרים פט"ז ד"ה זה הכלל). א איד, ווען ער טוהט מצוות מעשיות, איז ער באמת אסאך נענטער צום אויבערשטן ווי אין רצוא. פארוואס? א מענטש איז א מוגבל, ער איז א בשר ודם, ס'האט א גבול וויפיל זיין השתוקקות ברענגט אים דביקות. אבער די מינוט וואס ער טוהט די מעשה המצוה איז אנכי - אנא נפשי כתבית יהבית (שבת קה, א), די מצוות ה' זענען כביכול עצמותו יתברך, און דו ביסט מחבק את המלך ממש - ווי ער דריקט זיך אויס דארטן - האסטו אסאך גרעסערע קרבת ה', און אסאך גרעסערע רצוא, דו ביסט אין א שוב, אבער דו האסט די השתוקקות אסאך גרעסער, און דו ביסט באמת נענטער צום מלך.

אבער פרעגט זיך אויב אזוי: טאמער מצוות מעשיות ברענגט די גרעסטע דביקות זאל מען מאכן נאר מצוות מעשיות? - איז פארוואס דארף מען זיך פארען אויכעט אין דעם רצוא, אין קאכן אין דעם צמאה לך נפשי. די תשובה איז זייער געשמאק: ווי מער דו ווייסט האבן אהבה צו דעם מלך, ווייסטו איינערקענען אין דעם מלך, און מ'וועט עס פארשטיין מיט א קליין משל: מ'האט אמאל געגעבן א מתנה פאר צוויי מענטשן מחבק זיין את המלך. איז דער וואס ער איז מכיר אין דער מלך, און ער פארשטייט אין די גדלות פון מלך, ווען ער איז מחבק דעם מלך האט ער דביקות צום מלך. אבער דער פשוט'ער מענטש, דער פויער וואס ווייסט נישט אז ס'איז א מלך, און דער מלך גייט דאך א שיינער פעלץ, מיט א שיינע פעל, וועט ער זאגן אז איך האב אמאל מחבק געווען א מענטש וואס ער איז געגאנגען אזא שיינער פעל, איך האב הנאה געהאט פונעם פעל. ווייל ער ווייסט נישט די פנימיות פון די זאך.

איז א וודאי דארף מען טוהן אין 'רצוא', אבער ווען ס'איז דורך 'שוב'. א מענטש זאל וויסן אז ווען ער איז מקיים די מצוות איז ער מחבק את המלך אבער ער דארף וויסן צו צוקומען צו דביקות.

### *ומשה נגש אל הערפל אשר שם האלקים*

למאי נפקא מינה? איז קודם האט מען עס געזעהן, אז ביי מצוות איז דא א מושג פון פירוק. דו גייסט אראפ פון דיין דרגה פון דביקות און גייסט אויף א דביקות פון עשיה. לאמיר עס אראפברענגען אביסל מער למעשה.

אונז טרעפן כל מיני זאכן וואס די תורה זאגט זאלסט פורש זיין. ערב תשעה באב טארסטו נישט לערנען, א אבל טאר נישט לערנען. ס'דא כל מיני זאכן וואס די תורה זאגט ניין, א זאך וואס ער וויל טוהן, און אלעמאל איז א מצוה דאס צו טוהן, צו ס'איז פריה ורביה, צו ווען דאס איז וואס איז דא א נקודה פון פרישה. ניין, טאקע פאר מתן תורה אפילו איז געווען א נקודה וואס רופט זיך פרישה. האי דער אויבערשטער וויל קיום העולם? אבער יעצט איז די פרישה, דארף מען וויסן אז דער פריקה, איז א גרויסע עבודה. דער 'נישט' איז א גרויסע עבודה.

עד כדי כך, אז אסאך מאל איז דער 'ניין' נאך א גרעסערע עבודה. למשל אונז קענען זעהן נאך א נקודה. א מענטש ווען ער טוהט א פעולה, שפירט ער אז ער האט עפעס געטוהן, נישט טוהן איז אסאך מאל אסאך שווערער. און דעמאלטס באקומט ער גאר א גרעסערע נאנטקייט צום הייליגן באשעפער. אזוי ווי ס'איז ידוע דער יסוד ומשה ניגש אל הערפל אשר שם האלקים (שמות כ, יח). אז ביים ערפל, ווי מ'זעהט נישט, און מ'שפירט נישט - דארטן איז האלקים.

קומט אויס א מורא'דיגע זאך. א איד דארף וויסן, אז זיין ביטול צום אויבערשטן ווען דער אויבערשטער זאגט ניין - און ס'שטעלט זיך אויס אסאך מאל אין לעבן וואס דער מענטש געפינט זיך אין א מצב פון 'ניין'. צ.ב. אזוי ווי אין א ביזנעס, א מענטש הויבט אן איינלייגן געלט, קומט צו אים א יועץ און זאגט אים ר' איד, דו גייסט דא האבן הפסדים, זיי מבטל דעם ביזנעס. פארשטייט ער אז דער ביטול דאס איז זיין קיום. אזוי ווי מ'האט געטראפן אין וואלאזי'ן'ער ישיבה, דער פארמאכן די ישיבה דאס איז געווען דער קיום התורה. אמאל דארף א איד וויסן, צו ס'איז אמאל פארמאכן א ספר, און אזוי ווייטער יעדער סארט 'שוב' וואס דער אויבערשטער שטעלט צו, יעדער סארט פירוק המשכן, איז עבודה גדולה.

### *די עבודה ביי 'נישט'...*

ממילא, זיך ארויס לערנען למעשה, ווען דער אויבערשטער שיקט אונטער אמאל א ענין פון א פירוק המשכן, א 'ניין', זאל מען עס וויסן צו מעריך זיין אז דאס איז די עבודה יעצט, און מיט דעם ווערט ער דבוק צום אויבערשטן און ער קען אמאל ווערן דבוק צום אויבערשטן אסאך מער ווי ווען ער טוהט עבודות, ווי ער שפירט גדלות המוחין, אה, ס'לערנט זיך, ס'דאוונט זיך.

און נאך א נקודה אין דעם איז דא, א וויכטיגע נקודה וואס מ'דארף וויסן, אז מ'זאל נישט דערלייגן די שוואכערע צייטן, און נישט באקומען חלישות הדעת. אסאך מאל דערלייגט מען די שוואכערע צייט, אוי איך בין יעצט סיי ווי סיי נישט. ניין, ביסט נישט, יעצט איז די עבודה פון א בחינת שוב, יעצט איז די עבודה א בחינה פון פריקת המשכן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן לעבן אין דעם ריכטיג.

# אבות פרק א משנה ה

יוֹסֵי בֶּן יוֹחָנָן אִישׁ יְרוּשָׁלַיִם אוֹמֵר, יְהִי בֵיתְךָ פָּתוּחַ לִרְוָחָה, וְיִהְיוּ עֲנִיִּים בְּנֵי בֵיתֶךָ, וְאַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה. בְּאִשְׁתּוֹ אָמְרוּ, קַל וָחֹמֶר בְּאֵשֶׁת חֲבֵרוֹ. מִכָּאן אָמְרוּ חֲכָמִים, כָּל זְמַן שֶׁאָדָם מַרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ, וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה, וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנֹּם.

**יוסי בן יוחנן איש ירושלים אומר, יהי ביתך פתוח לרוחה** - דיין שטוב זאל זיין האפן ברייט, **ויהיו עניים בני ביתך** - די ארעמעלייט זאלן זיין ווי בני בית ביי דיר אין שטוב, **ואל תרבה שיחה עם האשה** - זאלסט נישט רעדן קיין סאך מיט די ווייב, און די משנה לייגט צו, **באשתו אמרו**, חז"ל האבן עס געזאגט אויף זיין ווייב, **קל וחומר באשת חברו. מכאן אמרו חכמים, כל זמן שאדם מרבה שיחה עם האשה גורם רעה לעצמו ובטל מדברי תורה וסופו יורש גיהנם.**

### *פתוח לרווחה - אויף צו ארויס גיין ...*

וואס הייסט עס **'פתוח לרוחה'**? וואס איז דער באדייט פון דעם?

מ'קען מסביר זיין זייער א געשמאקע זאך. ס'איז באוווסט וואס ס'שטייט אין חז"ל (מדרש שוחר טוב, קי א) אז די געצעלט פון אברהם אבינו האט געהאט פיר טירן, און דער פשוט'ער פשט איז כדי פון וואספארא זייט מ'קומט זאל מען קענען אריין גיין.

אבער ס'ליגט אין דעם נאך א טיפערע נקודה. אסאך מאל א מענטש ווען ער האט א גאסט שפירט ער: אה! איך האב אזא זכיה, ס'ווערט ביי אים א חפצא של מצוה, ער וויל נישט אז יענער זאל ארויסגיין אפילו ווען יענער וועט טרעפט א בעסערע פלאץ אוואו צו עסן א.ד.ג., ער וויל אים צוהאלטן. אבער אברהם אבינו'ס שטוב איז געווען האפן, און דער משמעות פון דעם האט געמיינט: אז דו ווילסט גיין קענסטו עס אויכעט גיין!. און ווי דער גערער רבי דער 'בית ישראל' האט אמאל מדייק געווען געשמאק אין פסוק: "רחצו רגליכם אחר תעבורו". וואס? ער זאגט זיי איר קענט אויכעט גיין? ער רעדט צו זיי כאילו ער פארשיקט זיי?. ניין, אברהם אבינו האט געזאגט צו די די געסט-מלאכים: איך זוך אייך נישט צו שטערן, עסט עפעס און גייט ווייטער צו אייערע ענינים. איר וועט מיר פשוט טוהן א טובה מיטן עסן, טוהט א טובה קומט אריין, עסט עפעס, אבער שטערט זיך נישט. - פתוח לרוחה הייסט - אויב אזוי - ס'דא ס'איז פתוח די טיר נאר אויף איין זייט - צו אריינגיין. ניין, פתוח לרוחה הייסט אז ס'איז ברייט האפן קענסט קומען קענסט גיין, שפיר זיך באקוועם, דאס איז הגדרה פון פתוח לרוחה.

איך האב אמאל געהערט א מעשה פון א איד וואס איז געראטעוועט געווארן פון די לאגערן, האט ער מיר דערציילט אז צום ענדע פון די ביטערע מלחמה יארן וואס ער איז געווען אין לאגער זענען זיי אנגעקומען אין ירושלים א טאטע מיט צוויי זון. און דעמאלטס איז אין ירושלים געווען שווערע הונגער יארן, ס'איז נישט געווען קיין איבעריגע עסן. אבער די פליטים פון די לאגערן פלעגן מענטשן יא רופן צו עסן אין שטוב. יעדן טאג האט א צווייטער איד זיך מרחם געווען אויף איינעם אויף צוויי און גערופן אהיים עסן. און אזויווי ס'איז שוין אנגעקומען די אלע שוידערליכע שמועות פון די וועלט, מ'האט געוואוסט אז ס'איז נישט פשוט אויף די וועלט, האט זיך ירושלים איבערגעדרייט, און ווען מ'האט זיך געטראפן מיט איינע פון די געראטעוועטע פלעגט מען זיי אויספרעגן. - האט מיר דערציילט א איד:די ערשטע מאל וואס אונז האבן זיך געשפירט אז ס'אונז - דער טאטע מיט די צוויי זוהן - זייער געשמאק, איז געווען ביי דיין זיידן ר' וועלוול (אייזנבאך) אין סוכה. וואס איז געווען, יעדן מאל פלעגט מען אונז רופן צו עסן, און פארשטייט זיך פאר די סעודה און אינמיטן סעודה און סוף די סעודה האבן אונז געדארפט א גאנצע צייט דערציילן פארן בעל הבית פון וועלכע שטאט מ'קומט א.א.וו. און דא איז געווען א ערשטע מאל וואס א מענטש האט אונז געגעבן צו עסן און האט אונז געלאזט אליין אין סוכה, זיצן און עסן אליין אן קיין שום דרשות, ער האט אונז נישט געפרעגט פארדעם און נישט נאכדעם קיין שום שאלות. ער האט אונז געגעבן פשוט צו עסן. אונז האבן זיך בארוהיגט דעם מח, ס'איז געווען זייער געשמאק. דעמאלטס האבן אונז געשפירט אונז זענען געווארן צוריק מענטשן פאר זיך. - וואס האט ער זיי געטוהן? ער האט זיי געגעבן 'פתוח לרוחה', שפיר זיך באקוועם, ס'איז דיין שטוב. נישט ווייל דו ביסט געקומען דארפטו מיר דערציילן וואס ס'טוהט זיך. א מענטש ווען ער טוהט חסד מיט יענעם דארף ער קומען אויף אזא אופן אז יענער זאל זיך שפירן באקוועם - 'לרוחה'.

### *חסד מיט די נאנטע*

און די צווייטע זאך **ויהיו עניים בני ביתך**, ס'ידוע וואס ס'שטייט אין ספרים הקדושים אז אסאך מאל פאר א פרעמדער קען א מענטש מאכן חסד, אבער פאר זיין אייגענע קרובים וואס ער שפירט אז ער איז זיי מחויב קען ער נישט מאכן חסד. ווי צום ביי שפיל געבן תמיכה געלט פאר א ברודער איז שווערער ווי צו געבן פאר א פרעמדער וואס מ'האט אויף יענעם רחמנות. די ספרים הקדושים לערנען עס ארויס פון דעם פסוק וואס שטייט ביי אליהו (מלכים א יז, ד) 'ואת העורבים צויתי לכלכלך' - אז די אמת'ע מידת החסד איז אין א פלאץ וואס מ'שפירט אז מ'איז מחויב.

זאגט אונז די משנה: ויהיו עניים בני ביתך - וויסן אז די אמת'ע מצות צדקה איז ווען ער ברעכט זיך און ער גיט פאר די קינדער, פאר די בני בית נישט ווינציגער ווי פאר אורחים. ס'איז אויכעט א גרויסע נקודה אין חסד.

### *אשה עיניה צרה באורחים*

**ואל תרבה שיחה עם האשה.** א מענטש וואס ער נעמט אריין געסט און ארעמעלייט, און איז מקיים חסד, אז ס'קומען אויכעט פרויען, וועט ער גיין אלץ מצות חסד רעדן מיט די פרויען אויכעט. קומט די משנה און זאגט אונז: ניין, 'אל תרבה שיחה עם האשה'. - נאך מער, 'באשתו אמרו', פארוואס? ס'איז דאך נישט די פרעמדע. שטייט אין גמרא (ב"מ פז, א) אז אברהם אבינו האט געזאגט "מהרי שלש סאים קמח סולת לושי ועשי עוגות" פרעגט די גמרא קמח צו סולת. זאגט די גמרא אז אברהם אבינו האט געזאגט קמח און שרה האט געזאגט סולת, מכאן שאשה עיניה צרה באורחים. איז באוואוסט די קשיא, זי האט דאך געזאגט סולת וואס ס'איז א בעסער פון קמח, סולת איז געשמאקער, פארוואס זאגט די גמרא אז עיניה צרה באורחים? נאר דער מציאות איז א פרוי ווען ס'קומט צו הכנסת אורחים וויל זי ס'זאל מערער קלאפן, ס'זאל זיין גוטע נעפקין'ס און אלעס זאל קלאפן און ליגן אויפן טיש אויף די בעסטע און די שענסטע פארנעם. און ווען זי האט נישט די בעסטע און די שענטסע? וויל זי שוין נישט אריין נעמען דעם גאסט, ווייל ס'וועט שוין נישט זיין די בעסטע. און באמת ווען א גאסט שפירט אז מ'האט זיך נישט אנגעשטרענגט פאר אים, מ'גיט אים פונקט אזוי ווי אלעמען. ער איז פונקט ווי עניים בני ביתך, די בני בית מיט די קינדער אלע באקומען די זעלבע עסן שפירט ער זיך אסאך געשמאקער. און פארקערט, ווען א גאסט קומט און מ'זאגט אים: מ'האט עקסטער פאר דיר געקאכט! מאכט דאס שוין שווער פארן גאסט.

יעצט קומט אויס אז באשתו אמרו, אז ער וועט זאגן ער וועט זיך צופיל מייעץ זיין מיט זיין ווייב וועגן די אורחים וועט נישט טויגן.

איז דו נעם אריין די געסט און קוק נישט אויף די ענין פון 'באשתו אמרו', ווייל דעמאלטס עיניה צרה באורחים. זיי דארפן ס'זאל זיין עפעס בעסערס. און אין די מינוט וואס דו גיבסט פאר די עניים אזוי ווי בני ביתך, האבן זיי הנאה, ס'איז א געשמאקער פרישטיג.

### אל תרבה שיחה באשה

און ס'איז דא די נקודה בכללות פון דער ענין פון 'אל תרבה שיחה עם האשה', אבער עפעס שיחה דארף מען. שיחה הייסט א שיחה בטלה. לימוד התורה איז נישט שיחה, א איד וואס ער וועט קומען אהיים און ער וועט יעדן מאל זאגן נאך א הלכה וואס ער האט געלערנט און וואס איז נוגע למעשה איז נישט מרבה שיחה. שיחה איז א שיחה בטילה.

ס'איז ידוע די מעשה מיט ר' יוסף חיים זאנענפעלד וואס ער האט געהאט א שיעור מיט זיין ווייב יעדן טאג א האלבע שעה הלכה. און ס'געקומען שכנות און געזאגט אז ס'איז שוין דא א שיעור פאר א ווייב אפשר קען זיך מצרף זיין נאך פרויען. האט ער מסביר געווען פאר זיין רעבעצן: מ'דארף דאך מיעוט שיחה, אביסל דארף מען רעדן מיט א ווייב ווייל איינע פון די יסודות פון דער ריכטיגער קשר צווישן א מאן און א ווייב איז דורך דיבור, און איך זעה נישט קיין זאכן וואס איך קען רעדן מיט דיר - אפילו ער איז געווען דער נשיא פון שומרי החומות, פון אלע צדקות און געטאהן אזוי סאך אין אלע עסקנות פון שטאט, אבער ער האט נישט געזעהן לנכון אז זיין ווייב דארף וויסן וואס ס'טוהט זיך אדער אלע ענינים פון די אלע קאסעס - האב איך געשטעלט מיט דיר א שיעור הלכות, אבער מיט יענע פרויען? איך האב נישט מיט זיי נישט קיין קשר, ווי די משנה זאגט: **קל וחומר אשת חברו.** מיט דיר לערן איך א שיעור האלטן קשר.

### איכות'דיגע ווערטער אין שטוב - גורם טובה לעצמו

די משנה איז ממשיך און זאגט: **מכאן אמרו חכמים, כל זמן שאדם מרבה שיחה עם האשה, גורם רעה לעצמו, ובוטל מדברי תורה, וסופו יורש גיהנם.** איינע פון די זאכן וואס איז גורם רעה לעצמו טרעפן מיר למשל ביי קרח, ער האט דערציילט פאר זיין ווייב אלעס וואס משה רבינו האט אים געטוהן, און אזוי איז ארויס געקומען די גאנצע פרשה פון מעשה קרח. מיר טרעפן כל מיני זאכן וואס דער מרבה זיין שיחה מיט די ווייב האט געברענגט א רעה.

(בצורה של ווערטל קען מען זאגן אז ס'שטייט (סנהדרין כט, א) אז אדם הראשון האט מרבה געווען פאר די חוה און האט געזאגט אז דער רבש"ע האט געזאגט: לא תגעו בו, אל מ'טאר אויכעט נישט אנכאפן דעם עץ הדעת, ער האט געמיינט א סייג, אבער ער האט איר נישט געזאגט אז ס'איז א סייג, האט עס מרבה געווען און ס'איז ארויסגעקומען אז מ'האט געגעסן פון עץ הדעת. קען מען זאגן אז דאס איז אל תרבה - לייג נישט צו קיין זאכן פאר א פרוי ווייל ס'קען צוברענגן רעה לעצמו און אזוי ווי ביים עץ הדעת)

מ'קען פארשטיין די ווערטער מיט א תשובה פון סלונימ'ער רעבין. ס'איז געווען אמאל צוויי חסידישע אידן אין טבריה, סלונימער חסידים. איינער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם וואס איז געזעצן און געלערנט א גאנצן טאג. דער צווייטער האט געארבעט א גאנצן טאג, א יגיע כפיים. די קינדער פון דעם תלמיד חכם זענען ארויסגעקומען פיינע זיסע אידן אבער ס'האט זיי נישט געבאדערט צו גיין לערנען. לעומת דעם פון דער ארבעטארער איז ארויסגעקומען ממש תלמידי חכמים, מענטשן וואס זיי האבן זייער ליב געהאט תורה. - ס'איז געווען זייער א פלא ביי די סלונימער חסידים, וואס טוהט זיך דא? האבן זיי געטראכט ביי זיך. זיי האבן געהאט א ליכטיגן רבי'ן און מ'האט אים געפרעגט, ילמדנו רבינו - וואס האט דא פאסירט.

האט ער זיי געזאגט: דער איד וואס איז געווען א תלמיד חכם, יעדן נאכט ווען ער איז אהיים געקומען האט ער זיך געדארפט אביסל נאכגעבן, האט ער געליינט א בלעטל און פארברענגט. די קינדער האבן געזעהן א טאטע וואס זיצט אין שטוב און פארברענגט.

אפילו אז אין שול לערנט ער אבער למעשה אין שטוב האבן זיי דאס נישט צוגעזעהן, און ס'האט מער געררעדט צו זיי. לעומת זאת דער ארבעטארער, ווען ער האט געהאט איבעריגע צייט האט זיך אוועק געזעצט לערנען, האט דאס משפיע געווען אויף די קינדער די חביבות. ווען ער קען נישט קען ער נישט אבער ווען ער קען לערנט ער.

די זעלבע זאך א ווייב, ווען זי זעהט א מאן וואס רעדט נארישקייטן ער רעדט צופיל שטותים. ער קומט אהיים, כל זמן ער רעדט עפעס א זאך פון איכות, איז ווערט ער חשוב ביי די ווייב. איז ערשטע זאך איז ער נישט גורם רעה לעצמו. אבער ווען איינער רעדט נארישקייטן, ס'אינטערעסירט אים פאליטיק מיט נייעס איז גורם רעה לעצמו, אז די ווייב קוקט אראפ אויף אים, די קינדער זעהען א טאטן וואס איז באדערט אים נארישקייטן. לעומת דעם איינער וואס רעדט נישט קיין איבעריגע דברים בטלים אין שטוב, ער איז נישט מרבה שיחה, איז ער פארקערט פון גורם רעה לעצמו, ער מאכט זיך א טובה, אז זיין ווייב קוקט ארויף אויף אים אלץ א מענטש מיט איכות. און זיינע קינדער קענען אויסוואקסן בעז"ה גרויסע תלמידי חכמים.

### די נקודות למעשה

די תמצית וואס קומט דא ארויס למעשה פון די גאנצע משנה, ערשטנס, דער ענין פון חסד. דער חסד און הכנסת אורחים דארף גיין לרוחה, מיט א ברייטקייט, און מיט א געשמאקייט. און די צווייטע זאך איז ויהיו עניים בני ביתך, און ווי געזאגט קענען מאכן חסד מיט די נאנטע. נישט מרבה זיין שיחה, נישט רעדן נארישקייטן אין שטוב. רעדן אביסאלע געשמאקער און העכער מיט א איכות, איז מען חוסך דעם רעה לעצמו און פארשטייט זיך שפארט מען שוין אויך אין דעם ענין פון גיהנם.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'


כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1